בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

גליון ל"ז

מוסדות היכל הקודש ברסלב

פרשת וישלח
שנת תשפ"ד

• דֶער מְלַמֵּד זָאל נִישְׁט זַיין אַ קִינְד

## שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

מָאנְטָאג פַּרְשַׁת נֹחַ, שְׁנַת תשפ"ג - קִרְיַת בְּרֶסְלֶב – לִיבֶּערְטִי יע"א

**מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף זֶענֶען מִיר מַמְשִׁיךְ מִיטְ'ן שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר מְחַנְּכִים, מָאנְטָאג פַּרְשַׁת נֹחַ, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן, אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א.**

### וָואס מֵיינְט אַ גוּטֶע חֵדֶר?

אִין גֶעוִויסֶע פְּלֶעצֶער מֵיינְט אַ חֵדֶר - אַ בִּנְיָן מִיט שֵׁיינֶע לֶעקְטֶערְס, אִינְדְרוֹיסְן אִיז דָא שֵׁיינֶע בֵּיימֶער מִיט אַ פַּארְק אוּן גָארְנִישְׁט מֶער, אִינֶעוֵוייניג אִיז דָא אַ דָאקְטֶער וָואס לֵייגְט אַרוֹיף יֶעדֶעס קִינְד אוֹיף פִילְן; בַּיי אוּנְז אִיז נִישְׁט אַזוֹי, בַּיי אוּנְז אִיז דָא אַ מְלַמֵּד מִיט אַ הַארְץ! עֶר גֵייט רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער, עֶר גֵייט מַאכְן פוּן יֶעדֶעס קִינְד אַ 'בֶּעסְטֶע קִינְד'; אוּן עֶר פִילְט וִוי עֶר הָאט דִי בֶּעסְטֶע כִּתָּה אוּן דִי בֶּעסְטֶע קִינְדֶער, - אוּן דִי קִינְדֶער שְׁפִּירְן דָאס!

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּם מֶענֶעדְזְשֶׁער פוּן דִי מוֹסָד:** אִיךְ בֶּעט דִיר, קוֹיף גָארְנִישְׁט פַאר דִי מוֹסָד; נִישְׁט דָאס מֵיינְט אַ חֵדֶר אוּן אַ שׁוּלֶע אַז דֶער בִּנְיָן קְלַאפְּט אוּן דִי שְׁפִּילְצֵייג קְלַאפְּט.

אַז דֶער מְלַמֵּד אוּן לֶערֶערִין הָאט נִישְׁט לִיבּ אַ קִינְד, קֶענְסְטוּ גֵיין אִין פַּארְק, דוּ קֶענְסְט זֵיי טְרָאגְן אוֹיף רֵיידְס, דוּ קֶענְסְט בְּרֶענְגֶען שְׁפִּילְצֵייג, דַאלִיס אוּן קֶערִידְזְשֶׁעס, אָבֶער דִי קִינְדֶער וֶועלְן וַוייטֶער שְׁפִּירְן אַז 'מַיין רֶבִּי, מַיין לֶערֶערִין, הָאט מִיךְ נִישְׁט לִיבּ!' - נִישְׁט דָאס מַאכְט מֶען זָאל וֶוערְן אַ גוּטֶער מְלַמֵּד, אַ גוּטֶע לֶערֶערִין, אַ גוּטֶע חֵדֶר, אַ גוּטֶע שׁוּלֶע; אַ גוּטֶער מְלַמֵּד אוּן לֶערֶערִין אִיז דֶער וָואס זִיצְט מִיט דִי קִינְדֶער, עֶר מַאכְט זִיכֶער צוּ גֶעבְּן פַאר יֶעדְן קִינְד בַּאזוּנְדֶער אַ שְׁמֵייכְל אוּן אַ גוּט וָוארְט.

הַיינְט פַאר אִיךְ בִּין אַרוֹיס גֶעפָארְן פוּן וִוילְיַאמְסְבּוּרְג צוּם שְׁטֶעטְל, הָאבּ אִיךְ בַּאמֶערְקְט אִין חֵדֶר אוֹיף אֵיינֶער פוּן דִי עֶלְטֶערֶע קִינְדֶער אַז עֶר אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, הָאבּ אִיךְ אִים צוּגֶערוּפְן, אִיךְ פְרֶעג אִים: "**וָואס גֵייט פָאר?**" זָאגְט עֶר מִיר: "**מַיין טַאטֶע מַאמֶע זֶענֶען נִישְׁט צוּפְרִידְן פוּן מִיר, זֵיי טְרָאסְטְן מִיךְ מִיט גָארְנִישְׁט**", פְרֶעג אִיךְ אִים: "**וִוי אַזוֹי וֵוייסְטוּ דָאס?**" עֶנְטְפֶערְט עֶר: "**אִיךְ וֵוייס!**" - אַ קִינְד שְׁפִּירְט אוֹיבּ מֶען הָאט הַאלְט פוּן אִים, אַ קִינְד שְׁפִּירְט אוֹיבּ מֶען הָאט אִים לִיבּ.

### שְׁטְרֶענְג אוּן גְלֶעטְן פְּרִיוַואט

אָנְהֵייבּ יָאר דַארְף מֶען זַיין שְׁטְרֶענְג, אָבֶער בִּשְׁעַת מֶען אִיז שְׁטְרֶענְג קֶען מֶען שׁוֹין אוֹיךְ גְלֶעטְן דִי קִינְדֶער פְּרִיוַואט.

אִין כִּתָּה מוּז זַיין זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג, כְּדֵי דִי קִינְדֶער זָאלְן כַאפְּן קְלָאר אַז מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן וֶוען אַ מְלַמֵּד רֶעדְט! נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ וִוי עֶפֶּענֶען דָאס מוֹיל וֶוען אַ מְלַמֵּד רֶעדְט! נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ וִוי עֶפֶּענֶען דָאס מוֹיל וֶוען אַ לֶערֶערִין רֶעדְט! אַז דוּ ווילְסְט עֶפֶּעס זָאגְן קֶענְסְטוּ אוֹיפְהֵייבְּן דִי הַאנְט, אוּן מֶען קֶען נִישְׁט דָא מַאכְן קַיין גֶעוַואלְדֶעס, אַז דֶער מְלַמֵּד זָאגְט 'אַרָאפְּלֵייגְן דִי הַאנְט', דַארְף מֶען אַרָאפְּלֵייגְן דִי הַאנְט.

מִיט דֶעם אַלֶעם קֶען זַיין אַז עֶס וֶוערְט שׁוֹין אַבִּיסְל צוּ שְׁטְרֶענְג, זָאל מֶען אִינְדְרוֹיסְן פוּן כִּתָּה וֶוען קֵיינֶער זֶעט נִישְׁט, גֶעבְּן אַ גְלֶעט פַאר יֶעדְן קִינְד פְּרִיוַואט, זָאגְן פַאר יֶעדְן קִינְד בַּאזוּנְדֶער: "**דוּ בִּיסְט דֶער בֶּעסְטֶער קִינְד, נִישְׁט דִיךְ מֵיין אִיךְ, עֶס זֶענֶען דָא קִינְדֶער וָואס זֶענֶען נִישְׁט דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג, אָבֶער דוּ בִּיסְט יָא גוּט, וֶוען אִיךְ גֵיי טְרֶעפְן דַיין טַאטֶע וֶועל אִיךְ גֶעבְּן אַ גוּטֶע גְרוּס אוֹיף דִיר**".

### שְׁטְרֶענְג, אָבֶער עֶר אִיז אַ קִינְד!

בְּעִיקָר בִּין אִיךְ הַיינְט אַרוֹיס גֶעקוּמֶען צוּם שְׁטֶעטְל כְּדֵי אַרוֹיס צוּ הֶעלְפְן אַ נֵייעֶר מְלַמֵּד, אִיךְ וִויל אַז זַיין כִּתָּה זָאל זִיךְ גוּט אוֹיסְפָארֶעמֶען אָנְהֵייבּ יָאר דוּרְךְ שְׁטְרֶענְגְקֵייט, אוּן אַזוֹי וִוי עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט דָא גֶעהֶערִיג אַ מְנַהֵל, בִּין אִיךְ גֶעקוּמֶען עֶס טוּן. אִיךְ בִּין אַרַיין אִין דֶעם כִּתָּה אוּן אִיךְ הָאבּ אָנְגֶערוּפְן אַ טַאטֶע אִין פָארְנְט פוּן דִי קִינְדֶער, אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט: "**דַיין זוּן אִיז אַזַא וואוֹיל קִינְד, אַזַא גוּט קִינְד!**" אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט פַאר אַן אַנְדֶערֶער קִינְד: "**אִיךְ מֵיין אַז אִיךְ וֶועל דַארְפְן אָנְרוּפְן דַיין טַאטֶע זָאגְן אַ פַּארְקֶערְטֶע גְרוּס**", זָאגְט מִיר דֶער קִינְד: "**נֵיין, נֵיין, זָאל דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וַוארְטְן נָאךְ אַ וָואךְ!**"

פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף אָבֶער דֶער מְלַמֵּד גֶעדֶענְקֶען אַז עֶר אִיז אוֹיךְ אַמָאל גֶעוֶוען אַ קִינְד, עֶר זָאל גֶעדֶענְקֶען זַיינֶע קִינְדֶער יָארְן: 'אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ נִישְׁט גֶעלֶערְנְט', 'אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ נִישְׁט גֶעדַאוֶוענְט', 'אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ גוּט אוֹיסְגֶעפְּרוּאוְוט מַיין רֶבִּי...' 'אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ גֶעמַאכְט אַ פַּאקְס', - 'בִּין אִיךְ דֶען גֶעוֶוען שְׁלֶעכְט? אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ קִינְד!'

### דֶער מְלַמֵּד זָאל נִישְׁט זַיין אַ קִינְד

אֵיין זַאךְ גֶעבּ אַכְטוּנְג, דוּ זָאלְסְט

נִישְׁט זַיין אַ קִינְד. אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מַעֲשֶׂה פַאר צְוֵויי יָאר צוּרִיק אִין בֵּית פֵּיגָא ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, אַ לֶערֶערִין פוּן דִי עֶלְטֶערֶע קִינְדֶער שְׁרַייבְּט מִיר אִין אַ בְּרִיוו: **"אַלֶעס אִיז פֵיין און וואוּיל אִין שׁוּלֶע, אָבֶער עֶס אִיז דָא אֵיין קִינְד אִין מַיין כִּתָּה וָואס דַארְף מִיךְ נִישְׁט, אֲפִילוּ וֶוען אִיךְ פְּרוּבִּיר אִיר צוּ מַאכְן פַאר אַ גַּבָּאִי, אִיךְ זָאג אִיר זִי זָאל גֵיין עֶפֶּעס בְּרֶענְגֶען, שְׁטֶעלְט זִי זִיךְ אוֹיף אַזַא וֶועג כְּאִילוּ זִי אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט אִין דֶעם"**. אִיךְ הֵייבּ צוּ טְרַאכְטְן וָואס מֶען קֶען דָא טוּן צוּ הֶעלְפְן דֶעם קִינְד, אִינְמִיטְן בַּאקוּם אִיךְ אַ בְּרִיוו פוּן יֶענֶע קִינְד, זִי שְׁרַייבְּט מִיר: **"אִיךְ וֵויס נִישְׁט פַארְוָואס מַיין לֶערֶערִין אִיז אַזוֹי קַאלְט צוּ מִיךְ, אִיךְ שְׁפִּיר ווִי מַיין לֶערֶערִין דַארְף מִיךְ נִישְׁט, ווִיפִיל אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ וַוייזְן אַז אִיךְ בִּין גוּט, נֶעמְט זִי עֶס נִישְׁט אָן"**, - הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען ווִי בֵּיידֶע הָאבְּן קִינְדֶערִישֶׁע קַאמְפְּלֶעקְסְן.

דִי קַשְׁיָא אִיז, פַארְוָואס טְרַאכְטְסְטוּ אַזֶעלְכֶע זַאכְן?! מֵילָא דָאס קִינְד טְרַאכְט אַזוֹי, זִי אִיז דָאךְ טַאקֶע אַ קִינְד, אַ קִינְד אִיז אֵיין שְׁטִיק קַאמְפְּלֶעקְס שֶׁבְּקַאמְפְּלֶעקְס... אָבֶער אַן עֶרְוַואקְסֶענֶע מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אַרוּם דְרֵייעֶן מִיט קַאמְפְּלֶעקְסְן?! דוּ בִּיסְט שׁוֹין אַ מְלַמֵּד, אַ לֶערֶערִין, טְרַאכְט נִישְׁט דִי אַלֶע מַחֲשָׁבוֹת 'מֶען דַארְף מִיךְ יָא', 'מֶען דַארְף מִיךְ נִישְׁט', דִי אַלֶע זַאכְן זֶענֶען נַארִישׁ.

אַ מְלַמֵּד און אַ לֶערֶערִין דַארְפְן גֶעדֶענְקֶען, אִיךְ בִּין דָא מְלַמֵּד, אִיךְ בִּין דָא לֶערֶערִין, אַלֶע קִינְדֶער דַארְפְן מִיךְ! און אוֹיבּ אַ קִינְד מַאכְט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע פַּאקְס מֵיינְט נָאכְנִישְׁט אַז עֶר דַארְף מִיךְ נִישְׁט, און אוֹיבּ אַ קִינְד זָאגְט: **"אִיךְ הָאבּ נִישְׁט לִיבּ מַיין רֶבִּי"**, מֵיינְט דָאס גָארְנִישְׁט, זָאג אִים: **"אִיךְ הָאבּ דִיךְ 'יָא' זֵייעֶר לִיבּ, דוּ בִּיסְט זֵייעֶר אַ גוּט קִינְד, יֶעצְט לֵייג שֵׁיין אַרָאפּ דַיינֶע פִּיס, יֶעצְט לֵייג שֵׁיין אַרָאפּ דַיין הַאנְט, יֶעצְט דַארְף מֶען שְׁרַייבְּן"**.

## קִינְדֶער פְּרוּבִּירְן אוֹיס דֶעם מְלַמֵּד

נִישְׁט יֶעדֶעס קִינְד קוּמְט פוּן אַ שְׁטוּבּ וָואס מֶען אִיז מְחַנֵּךְ, אַסַאךְ מָאל גֶעשֶׁעט אָנְהֵייבּ יָאר אַז קִינְדֶער פָאלְגְן נִישְׁט, אַ גוּטֶער מְלַמֵּד וֵוייסְט שׁוֹין אַז דִי קִינְדֶער ווִילְן אִים אוֹיסְפְּרוּאוְון, 'לָאמִיר זֶען מַיין רֶבִּינְ'ס שְׁטַארְקֵייט און מִיט וָואס עֶר אִיז שְׁוַואךְ, מִיט וָואס עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט אַן עֵצָה גֶעבְּן', און דֶער מְלַמֵּד בְּלַייבְּט וַוייטֶער שְׁטַארְק, עֶר זָאגְט: **"דָא אִין כִּתָּה מוּז מֶען שֵׁיין פָאלְגְן!"** דֶער קִינְד גֵייט נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל אוֹיסְפְּרוּאוְון, בִּיז עֶר וֶועט אַיינְזֶען אַז דֶער מְלַמֵּד אִיז שְׁטַארְק, דָא מוּז מֶען פָאלְגְן.

דָא בַּיי דִי יוּנְגֶערֶע כִּיתּוֹת אִיז גֶעוֶוען אַ קִינְד וָואס דֶער מְלַמֵּד הָאט זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט צוּ מִיר אוֹיף דֶעם קִינְד אַז עֶר אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר שְׁוֶוער, מַמָּשׁ אַזַאנְס הָאט עֶר נָאכְנִישְׁט גֶעהַאט, עֶר דֶערְצֵיילְט מִיר אַ בֵּיישְׁפִּיל, עֶר הָאט גֶעווִיזְן צְוֵויי צֶעטְלֶעךְ פַאר דֶעם קִינְד און פְרֶעגְט אִים: **"וֶועלְכֶע צֶעטְל ווִילְסְטוּ קָאלֶערְן, דִי אָדֶער דִי?!"** גֶעבְּט דֶער קִינְד אַ שְׁרֵיי: **"גָארְנִישְׁט!"** עֶר נֶעמְט בֵּיידֶע צֶעטְלֶעךְ און צֶערַייסְט עֶס... הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט: מֶען קֶען מַאכְן פוּן דֶעם אַ גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה פוּן חוּצְפָּה, אַרוֹיס וַוארְפְן דֶעם קִינְד פוּן כִּתָּה און צוּרִיק אַרַיין וַוארְפְן... אָבֶער אַ גוּטֶער מְלַמֵּד וֶוערְט נִישְׁט פַארְלוֹירְן, עֶר זָאגְט פַארְ'ן קִינְד זֵייעֶר שְׁטַארְק: **"גָארְנִישְׁט אִיז נִישְׁט קַיין תֵּירוּץ! קוּם אַהֶער, אִיךְ גֶעבּ דִיר נָאךְ אֵיין מָאל צְוֵויי צֶעטְלֶעךְ, וֶועל אוֹיס וֶועלְכֶע צֶעטְל דוּ ווִילְסְט קָאלֶערְן"**, און אַז דֶער קִינְד זָאגְט נָאכְאַמָאל: **"אִיךְ קָאלֶער נִישְׁט!"** זָאגְט עֶר אִים נָאכְאַמָאל: **"זֶעץ זִיךְ שֵׁיין אַרָאפּ, לָאמִיר זֶען ווִי שֵׁיין דוּ פָאלְגְסְט, לָאמִיר זֶען ווִי שֵׁיין דוּ קָאלֶערְסְט"**, "אַ מְחַיֶּה **צוּ זֶען ווִי שֵׁיין דוּ קָאלֶערְסְט**", דֶער קִינְד וֶועט אַיינְזֶען אַז דָא מוּז מֶען פָאלְגְן.

## אָן תְּפִלָּה גֵייט עֶס נִישְׁט

אִין שְׁטֶעטְל אִיז דָא אַ מַעֲלָה וָואס אִיךְ וֵייס נִישְׁט אוֹיבּ עֶס אִיז דָא אִין שְׁטָאט, אִין שְׁטֶעטְל פָארְט מֶען אַ צֶען פוּפְצְן מִינוּט פוּן דִי הוֹיז בִּיז צוּ דִי חֵדֶר און אִין שׁוּלֶע, אוֹיפְ'ן וֶועג קֶענֶען זִיךְ דִי מְלַמְּדִים און לֶערֶערִינְס מִתְבּוֹדֵד זַיין, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ פָאר יֶעצְט אִין חֵדֶר, אִיךְ פָאר יֶעצְט אִין שׁוּלֶע, הֶעלְף מִיךְ אַז דִי הַיינְטִיגֶע טָאג זָאל זַיין אַ גוּטֶע טָאג"**.

אִיךְ גֶעדֶענְק וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען מְלַמֵּד, אַ טָאג וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעווּאוּסְט אַז אִיךְ קֶען גָארְנִישְׁט און אִיךְ טוֹיג גָארְנִישְׁט, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ גֶעבּ דִיר אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע כִּתָּה, הֶעלְף מִיךְ אַז דִי הַיינְטִיגֶע טָאג זָאל זַיין אַ גוּטֶע טָאג"**, אִיז דֶער טָאג גֶעפָארְן ווִי אַ בַּאן, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מְחַיֶּה, אֵיינְמָאל אִיךְ הָאבּ זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אֵיינְצוּרֶעדְן אַז אִיךְ טוֹיג און אַז אִיךְ בִּין שׁוֹין אַ גֶעלוּנְגֶענֶער מְחַנֵּךְ, הָאט פְּלוּצְלוּנְג גֶעשֶׁען נֵייעֶ זַאכְן וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעווּאוּסְט ווִי אַזוֹי דָאס צוּ בַּאהַאנְדְלֶען, און וֶוען אִיךְ הָאבּ נָאכְאַמָאל גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ הָאבּ נָאכְאַמָאל גֶעמַאכְט אַ תְּפִלָּה, אִיךְ הָאבּ נָאכְאַמָאל אִיבֶּער גֶעגֶעבְּן דִי כִּתָּה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט מִיר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהָאלְפְן, אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען נֵייעֶ עֶרְפַארוּנְג.

## יֶעדֶעס קִינְד דַארְף בַּאקוּמֶען אַ גוּט וָוארְט

יֶעדֶעס קִינְד דַארְף בַּאקוּמֶען אַ גוּט וָוארְט, יֶעדֶעס קִינְד דַארְף בַּאקוּמֶען אַ גְרוּס.

אִין יֶעדֶע כִּתָּה זֶענֶען דָא אַפָּאר קִינְדֶער וָואס זֵיי דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם דֶער מְלַמֵּד, זֵיי קְלֶעבְּן צוּם מְלַמֵּד, זֵיי שְׁטְרֶעקְן אוֹיס דִי קָאפּ, זֵיי דַארְפְן אַ גְלֶעט, זֵיי פְּרוּבִּירְן אַלְץ צוּ בַּאקוּמֶען אַ גוּט וָוארְט פוּנֶעם מְלַמֵּד. דָאס זֶענֶען גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער; עֶס אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס שְׁטֶעמְפְּלֶען אָן אַזַא קִינְד אַלְס פְּרָאבְּלֶעם קִינְד: 'עֶר אִיז אָן אַטֶענְשְׁן סִיקֶער' (עֶר זוּכְט צוּפִיל אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט), אָבֶער דָאס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם, וֶוער עֶס דַארְף אַטֶענְשְׁן אִיז אַ גֶעזוּנְטֶער מֶענְטְשׁ, אֶפְשַׁר וֶוער עֶס דַארְף נִישְׁט קַיין אַטֶענְשְׁן הָאט אַ פְּרָאבְּלֶעם... דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן אַ מֶענְטְשׁ עֶר זָאל וֶועלְן מֶען זָאל קוּקְן אוֹיף אִים, מֶען זָאל טְרַאכְטְן פוּן אִים, מֶען זָאל אִים גֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט אוֹיף זַיין אוֹיסְקוּק, אוֹיף זַיין קְלֵייד. נָאכְדֶעם זֶענֶען דָא קִינְדֶער וָואס אַזוֹי ווִי עֶר דְרֵיידְט זִיךְ נִישְׁט נֶעבְּן דֶעם מְלַמֵּד, קֶען דוּרְךְ גֵיין אַ וָואךְ צְוֵויי און עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט בַּאקוּמֶען קַיין גוּט וָוארְט פוּנֶעם מְלַמֵּד.

וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ מְלַמֵּד הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַ בּוּךְ מִיט דִי נֶעמֶען פוּן אַלֶע קִינְדֶער, יֶעדֶע נַאכְט הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעמַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ פַאר וֶועלְכֶע קִינְדֶער אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעגֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער און פַאר וֶועלְכֶע קִינְדֶער אִיךְ הָאבּ נָאךְ גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט, אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען מִיט דֶעם קִינְד

# הֶמְשֵׁךְ שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

מָאנְטָאג פַּרְשַׁת נֹחַ, שְׁנַת תשפ״ג - קִרְיַת בְּרֶסְלֶב – לִיבֶּערְטִי יע״א

## • דֶער מְלַמֵּד זָאל נִישְׁט זַיין אַ קִינְד

רֶעד אִיךְ שׁוֹין נִישְׁט אַ גַאנְצֶע וָואךְ, אִיךְ הָאבּ זִיךְ פַאְרצֵייכְנְט אַז מָארְגְן זָאל אִיךְ רוּפְן דֶעם קִינְד אוּן גֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט.

מֶען קֶען נִישְׁט מַאכְן קַיין חִילוּקִים אִין כִּתָּה, אַז צְוֵויי קִינְדֶער הָאבְּן עֶפֶּעס פַארְגֶעסְן צוּ בְּרֶענְגֶען, קֶען מֶען נִישְׁט זָאגְן פַאר אֵיין קִינְד: **"דוּ בָּארְג פוּן יֶענֶעם"**, אוּן פַאר'ן אַנְדֶערְן קִינְד: **"דוּ מוּזְט גֵיין צוּ דִי אָפִּיס"**, פַארְוָואס דַארְף אִיךְ גֵיין צוּ דִי אָפִּיס? דֶער קִינְד פַארְשְׁטֵייט גְלַייךְ אַז 'מַיין רֶבִּי הָאט מִיךְ נִישְׁט לִיבּ', מֶען מוּז אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דֶעם.

### בַּיי אִים מֵיינְט עֶס אַ וֶועלְט!

אוֹיךְ דַארְף מֶען וִויסְן אַז אַ זַאךְ וָואס קֶען אוֹיסְקוּקְן אִין דֶעם מְלַמֵּד'ס אוֹיגְן וִוי אַ קְלֵיינִיקֵייט, וִוי אַ גָארְנִישְׁט, קֶען זַיין בַּיי דִי קִינְדֶער אַ גַאנְצֶע וֶועלְט, אִים וֶועט עֶס זֵייעֶר שְׁטַארְק בַּאדֶערְן. צוּם בֵּיישְׁפִּיל, הַיינְט וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין אַ כִּתָּה, אִיךְ אוּן גֶערוּפְן עֶלְטֶערְן, הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט רוּפְן נָאר עֶלְטֶערְן פוּן צְוֵויי קִינְדֶער, אָבֶּער אַלֶע קִינְדֶער הָאבְּן זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ בֶּעטְן: **"רוּף אוֹיךְ מַיין טַאטֶע"**, **"רוּף אוֹיךְ מַיין טַאטֶע"**, הָאבּ אִיךְ גֶעדַארְפְט רוּפְן אַלֶע טַאטֶע'ס, וֶוען אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעוָואלְט אַרוֹיף קוּמֶען עֶנְק גֶעבְּן אַ שִׁיעוּר, רוּפְט זִיךְ אָן אֵיין אִינְגֶל וָואס זִיצְט אִין דִי זַייט: **"הָאסְט נָאכְנִישְׁט גֶערוּפְן מַיין טַאטֶע"**, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט זִיךְ נִישְׁט וואוּסֶענְדִיג מַאכְן פוּן דֶעם קִינְד, בַּיי מִיר מֵיינְט עֶס גָארְנִישְׁט, וָואס הָאבּ אִיךְ שׁוֹין גֶעטוּן? אִיךְ הָאבּ גֶערוּפְן זַיין טַאטֶע יָא אוּן דַיין טַאטֶע נִישְׁט?! אָבֶּער בַּיי אִים מֵיינְט עֶס אַ וֶועלְט!

הֶמְשֵׁךְ מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ

# בְּרִיוְון פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א

## וִוי אַזוֹי שְׁטֶעלְט מֶען אַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ אִין קְלַאס, אָן שְׁלָאגְן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,

אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד שׁוֹין זִיבְן יָאר צוּם גוּטְן, אִיךְ לֶערְן מִיט דִי קִינְדֶער אוּן אִיךְ בִּין בָּרוּךְ הַשֵּׁם זֵייעֶר מַצְלִיחַ. אִיךְ ווִיל נִישְׁט שְׁטֶערְן אוּן אַוֶועקְנֶעמֶען דִי טֵייעֶרֶע צַייט פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א, אָבֶּער אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ בִּין אַ שְׁלִיחַ צִיבּוּר פוּן דִי 24 קִינְדֶער וָואס לֶערְנֶען בַּיי מִיר, אוּן אִיךְ טָאר זִיךְ נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן פוּן פְרֶעגְן.

דָאס אִיז אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן פוּן שְׁלָאגְן קִינְדֶער, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַז דֶער עִנְיָן אִיז זֵייעֶר פַארְדְרֵייט גֶעוָוארְן בַּיי מְלַמְדִים, סֵיי אַז מֶען הָאט גֶעשְׁלָאגְן פוּן כַּעַס אָן דֶעם וָואס דָאס קִינְד זָאל אֲפִילוּ וִויסְן פַארְוָואס עֶר כַאפְּט, אוּן סֵיי אַז מֶען הָאט גֶעשְׁלָאגְן קִינְדֶער וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט דָאס לֶערְנֶען אָדֶער פַאר'ן זִיךְ פַאר'חָלוֹמְ'ן, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

אִיךְ אַלְס מְלַמֵּד הָאבּ אוֹיךְ גֶעגֶעבְּן פֶּעטְשׁ פַאר קִינְדֶער, אָבֶּער נָאר פַאר חוּצְפָּה, אוּן אוֹיךְ נָאר וֶוען אִיךְ בִּין נִישְׁט אִין כַּעַס, אוּן אוֹיךְ וֶוען דָאס קִינְד וֵוייסְט פַארְוָואס עֶר בַּאקוּמְט עֶס. גֶעוֶוענְלִיךְ פְלֶעג אִיךְ עֶס טוּן נָאר אָנְהוֹיבּ יָאר, וֶוען עֶס מַאכְט זִיךְ אַלְץ דֶער עֶרְשְׁטֶער מְחוּצָף וָואס וִויל אוֹיסְפְּרוּבִּירְן דֶעם מְלַמֵּד, אָדֶער צוּמָאל עֶטְלִיכֶע, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעכַאפְּט אוּן נָאכְדֶעם הָאבְּן שׁוֹין אַלֶע קִינְדֶער גֶעוואוּסְט אַז חוּצְפָּה אִיז נִישְׁט אַקְצֶעפְּטִירְט אִין דֶעם קְלַאס.

דָאס יָאר הָאבּ אִיךְ מֵאֵיזֶה סִיבָּה שֶׁיִּהְיֶה פַארְקוּקְט אָנְהוֹיבּ יָאר, אוּן אִיךְ הָאבּ נָאר גֶערֶעדְט, "הֶער אוֹיף", "רֶעד נִישְׁט וֶוען אַ רֶבִּי רֶעדְט", "מֶען קֶען נִישְׁט זִיצְן אוֹיפְ'ן רֶבִּינְ'ס פְּלַאץ", אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ פַארְשְׁפִּילְט דָאס יָאר, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ יָאר פוּן חוּצְפָּה, אִיךְ הָאבּ שְׁטַארְק חֲרָטָה גֶעהַאט פַארְוָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אַיינְגֶעשְׁטֶעלְט סֵדֶר אִין כִּתָּה אָנְהוֹיבּ יָאר, אָבֶּער עֶס אִיז צוּ שְׁפֶּעט יֶעצְט, דִי כִּתָּה פָארְט שׁוֹין אוֹיף רֶעדֶער.

אִיךְ ווִיל הֶערְן פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א וָואס צוּ טוּן דִי קוּמֶענְדִיגֶע יָאר הבעל״ט, וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג זִיךְ צוּ פִירְן מִיט דֶעם, אִיךְ הֶער אַז דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעלָאזְט שְׁלָאגְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים, בְּרִיוְון, אוּן אַלֶעס.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת, ז׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֶעבּ אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ שְׁלָאגְן קַיין קִינְדֶער, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען מֶען זָאל נִישְׁט שְׁלָאגְן קִינְדֶער. בְּדֶרֶךְ כְּלַל, וֶוען קוּמְט אוֹיס אַ מְלַמֵּד זָאל שְׁלָאגְן קִינְדֶער? וֶוען דֶער מְלַמֵּד אִיז נֶערְוֶועז אוּן אָנְגֶעצוֹיגְן, עֶר אִיז נִישְׁט גֶעשְׁלָאפְן גֶעהֶערִיג בַּיינַאכְט, עֶר אִיז הוּנְגֶערִיג וְכַדוֹמֶה, דֶעמָאלְט פַּאסִירְן דִי אַלֶע מַעֲשִׂיוֹת פוּן שְׁלָאגְן קִינְדֶער הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ; קִינְדֶער פְּרוּבִּירְן אוֹיפְצוּרֶעגְן דֶעם מְלַמֵּד, זֵיי טוּעֶן ווִילְדֶע זַאכְן, זֵיי ווִילְן זֶען אוֹיבּ עֶס גֵייט זֵיי גֶעלוּנְגֶען אוֹיפְצוּרֶעגְן דֶעם מְלַמֵּד; אוֹיבּ דֶער מְלַמֵּד פַארְלִירְט זִיךְ אוּן שְׁלָאגְט דִי קִינְדֶער - דַאן הָאט עֶר אַלֶעס פַארְלוֹירְן, וַוייל דִי קִינְדֶער זֶעעֶן אַז מֶען קֶען אִים אוֹיפְרֶעגְן אוּן אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דִי גְלִידֶער, גֵייעֶן זֵיי וַוייטֶער אוֹיף דֶעם וֶועג, דִי פֶּעטְשׁ שְׁטֶעלְט זֵיי נִישְׁט אָפּ.

דֶערִיבֶּער וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (יוֹרֶה דֵעָה סִימָן רמה, סְעִיף יח) אַז אַ מְלַמֵּד טָאר זִיךְ נִישְׁט מְסַגֵּף זַיין; מֶען דַארְף גוּט עֶסְן אוּן גוּט שְׁלָאפְן, זַיין זַאט אוּן אוֹיסְגֶערוּט, כְּדֵי צוּ הָאבְּן אַייזֶערְנֶע נֶערְוֶוען פַאר דִי קִינְדֶער. אַ מְלַמֵּד וָואס אִיז גוּט אוֹיסְגֶערוּט אוּן גוּט זַאט, וֶוען אַ קִינְד ווִיל אִים אוֹיפְרֶעגְן - פַארְלִירְט עֶר זִיךְ נִישְׁט, עֶר וֶוערְט נִישְׁט נֶערְוֶועז, עֶר שְׁלָאגְט נִישְׁט, אָדֶער מַאכְט עֶר זִיךְ וִוי עֶר זֶעט נִישְׁט. רוֹב מָאל אִיז דָאס דִי וֶועג מִיט דִי קִינְדֶער וָואס זוּכְן צוּ אוֹיסְפְּרוּבִּירְן דֶעם מְלַמֵּד, מֶען זָאל זִיךְ מַאכְן וִוי מֶען זֶעט נִישְׁט, מֶען זָאל וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיט דִי סֵדֶר הַיּוֹם, אוּן וֶוען דֶער קִינְד זֶעט אַז עֶר הָאט נִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען - הֶערְט עֶר אוֹיף צוּ שְׁטֶערְן, אוּן וֶוען מֶען דַארְף יָא זָאגְן, מֶען קֶען נִישְׁט פַארְזֶען - דֶעמָאלְט גֶעבְּט מֶען אַ קְנַס אָדֶער בַּאקוּמְט נִישְׁט דֶער קִינְד אַ גוּטֶע זַאךְ וְכוּ׳; אָבֶּער עֶר שְׁלָאגְט נִישְׁט, עֶר הַאלְט זִיךְ רוּאִיג.

דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע זַאךְ וָואס אַ מְלַמֵּד קֶען טוּן מִיט קִינְדֶער וָואס מֶען דַארְף זֵיי לֶערְנֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ וְכַדוֹמֶה - אִיז נִישְׁט אַרוֹיסְלָאזְן בַּיי הַפְסָקָה; מֶען הֵייסְט זֵיי בְּלַייבְּן זִיצְן אִין כִּתָּה דוּרְכְאוֹיס דִי צַייט וָואס דִי קִינְדֶער גֵייעֶן זִיךְ שְׁפִּילְן, דָאס שְׁטֶעלְט אַ קִינְד אִין פְּלַאץ. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ דֶער קִינְד וֶועט פְּרוּבִּירְן אַלֶע מִיטְלֶען צוּ קֶענֶען גֵיין שְׁפִּילְן, עֶר וֶועט שְׁרֵייעֶן, עֶר וֶועט וֵויינֶען אוּן פַארְפִירְן, אָבֶּער אַז דֶער מְלַמֵּד בְּלַייבְּט שְׁטַארְק, עֶר וֶוערְט נִישְׁט פַארְלוֹירְן, עֶר זָאגְט דֶעם קִינְד: "הַיינְט הָאסְטוּ גֶעשְׁטֶערְט דִי כִּתָּה, קֶענְסְטוּ נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין שְׁפִּילְן", "הַיינְט בִּיסְטוּ גֶעוֶוען נִישְׁט דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג - וֶועסְטוּ בְּלַייבְּן דָא"; דֶער קִינְד וֶועט וֵויינֶען, עֶר וֶועט ווִילְדֶעוֶוען

אָבֶער עֶר וֶועט זִיךְ בַּארוּאִיגְן אוּן בִּיז אַפָּאר מָאל וֶועט עֶר פַארְשְׁטֵיין אַז עֶר דַארְף זִיךְ פִירְן מִיט דֶּרֶךְ אֶרֶץ.

נָאךְ אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ צוּ וִויסְן, מֶען טָאר נִישְׁט וַוייזְן פַארְלוּירְנְקֵייט פַאר דִי קִינְדֶער. אַז דֶער קִינְד הֵייבְּט אָן פַארְפִירְן, עֶר קֶען נִישְׁט נֶעמֶען דִי עוֹנֶשׁ, דִי קְנַס וְכוּ׳; אַז דֶער מְלַמֵד וֶוערְט שְׁוַואךְ אוּן עֶר זָאגְט פַארְ׳ן קִינְד: ״אוֹקֶעי, יֶעצְט קֶענְסְטוּ גֵיין, אִיךְ בִּין דִיר מוֹחֵל״, הָאט דֶער מְלַמֵד פַארְלוּירְן אַלֶעס, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט אוֹיפְגֶעטוּן; דִי קִינְדֶער דַארְפְן וִויסְן אַז אַ וָוארְט פוּנֶעם מְלַמֵד אִיז אַ וָוארְט, אַז מֶען הָאט אִים גֶעזָאגְט בְּלַייבְּן אִין כִּתָּה בְּלַייבְּט עֶס אַזוֹי, מֶען זָאגְט רוּאִיגֶערְהֵייט פַארְ׳ן קִינְד: ״מָארְגְן וֶועסְטוּ קֶענֶען גֵיין שְׁפִּילְן״.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ מֶען דַארְף הָאבְּן שֵׂכֶל, מֶען דַארְף וִויסְן וִוי אַיין אוּן וִוי אוֹיס; וֶוען יָא צוּ גֶעבְּן אַן עוֹנֶשׁ אוּן וֶוען נִישְׁט; נִישְׁט אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ גֶעבְּט מֶען אַן עוֹנֶשׁ, אָבֶער וֶוען מֶען גֶעבְּט שׁוֹין יָא, דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיט דֶעם.

עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גוּטֶע זַאךְ אַז מְלַמְדִים אוּן מְחַנְּכִים זָאלְן גֶעבְּן פְּרָסִים, אוּן מִיט דֶעם קֶען מֶען אוֹיךְ אוֹיפְטוּן זֵיי מְחַנֵךְ זַיין אוֹיף דֶרֶךְ אֶרֶץ. דִי קִינְדֶער וָואס זֶענֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ׳דִיג, זֵיי בַּאקוּמֶען, אוּן אַ קִינְד וָואס פַארְפִירְט אוּן פִירְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף אַזוֹי וִוי מֶען דַארְף – עֶר בַּאקוּמְט נִישְׁט דִי פְּרַס, פְּרָסִים אִיז אַ שְׁטַארְקֶע מִיטְל פַארְ׳ן מְלַמֵד.

אוֹיבּ אַ קִינְד שְׁטֶערְט דִי לִימוּדִים מִיט אַ זַאךְ וָואס עֶר הָאט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן שְׁטוּבּ – נֶעמְט מֶען אַוֶועק דִי זַאךְ אוּן מֶען גֶעבְּט דָאס נִישְׁט צוּרִיק פַאר אַפָּאר טֶעג, אַזוֹי לֶערְנְט עֶר זִיךְ אוֹיס נִישְׁט צוּ שְׁטֶערְן מֶער, אֲפִילוּ דֶער קִינְד קוּמְט וֵויינֶען אוּן שְׁרֵייעֶן אַז עֶר דַארְף צוּרִיק דִי שְׁפִּיל, לֶערְנְט מֶען אִים אוֹיס, מֶען זָאגְט אִים: ״נֵיין, דוּ בַּאקוּמְסְט נִישְׁט צוּרִיק דִי שְׁפִּיל; הָאסְט גֶעשְׁטֶערְט דָאס לֶערְנֶען וֶועסְטוּ דָאס נִישְׁט קֶענֶען הָאבְּן פַאר אַ וָואךְ״. אַזוֹי אוּן דָאס גְלַייכְן קֶען מֶען מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער, אָבֶער נִישְׁט שְׁלָאגְן; שְׁלָאגְן אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין חִינוּךְ, שְׁלָאגְן מַאכְט נָאר עֶרְגֶער, שְׁלָאגְן וַוייזְט אַז דֶער מְלַמֵד אִיז שְׁוַואךְ אוּן עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט קַיין עֵצָה גֶעבְּן אִין כִּתָּה.

אַ מְלַמֵד דַארְף זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען דֶעם כְּלַל וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סוֹטָה מא.): ״שְׂמֹאל דוֹחֶה וְיָמִין מְקָרֶבֶת״, פוּן אֵיין זַייט זַיין שְׁטַארְק, אָבֶער אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט – זַיין וֵוייךְ, וַוייזְן אַ שְׁטַארְקֶע לִיבְּשַׁאפְט פַאר דִי קִינְדֶער. דֶער מְלַמֵד דַארְף גֶעדֶענְקֶען אַז דִי כִּתָּה אִיז נִישְׁט קַיין תְּפִיסָה, דִי תַּכְלִית אִיז נִישְׁט אַיינְצוּשְׁפַּארְן דִי קִינְדֶער, בִּינְדְן דִי קִינְדֶער מִיט קֵייטְן, זֵיי זָאלְן שְׁפִּירְן וִוי זֵיי זִיצְן אִין תְּפִיסָה, דִי כִּתָּה דַארְף זַיין אִין דִי אוֹיגְן פוּנֶעם מְלַמֵד אוּן בַּיי דִי קִינְדֶער – וִוי אַ פַּאלַאץ, דִי חֵדֶר אִיז דִי פַּאלַאץ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אִין כִּתָּה לֶערְנְט מֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער מְלַמֵד דַארְף שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, אַלֶעס אִיז עֶר, אוּן עֶר אִיז אַלֶעס.

אַז מֶען שְׁטֶעלְט אַוֶועק דִי כִּתָּה אוֹיף דֶעם אוֹפָן דַארְף מֶען בִּכְלַל נִישְׁט שְׁלָאגְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין מִיט דִי תַּלְמִידִים.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת בלק תשפ״א)

## וָואס טוּט מֶען וֶוען דָאס קִינְד וֵויינְט אַסַאךְ בַּיינַאכְט?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,

מַיין טָאכְטֶער, דְרֵיי יָאר אַלְט, וֶועקְט זִיךְ אוֹיף כִּמְעַט יֶעדֶע נַאכְט אוּן וֵויינְט גָאר אַסַאךְ, בִּיז מֶען קֶען אִיר עֶנְדְלִיךְ בַּארוּאִיגְן זִי זָאל צוּרִיק אַיינְשְׁלָאפְן בִּיז אִינְדֶערְפְרִי, אוּן דָאס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער אוֹיפְצוּשְׁטֵיין יֶעדֶע נַאכְט נָאכְאַמָאל. וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אִיר הֶעלְפְן שְׁלָאפְן גֶעהֶערִיג דִי גַאנְצֶע נַאכְט?

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ בָּרוּךְ הַשֵׁם אַ קִינְד פוּן אַ הַאלְבּ יָאר אַלְט, אִיךְ הָאבּ אִים זֵייעֶר לִיבּ, דִי שְׁאֵלָה אִיז אוֹיבּ לוֹיטְ׳ן רֶבִּי׳ן טָאר אִיךְ אִים נִישְׁט קוּשְׁן, נָאר זִיךְ מֶער דֶערְוַוייטֶערְן פוּן אִים?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת צַו, ט׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז דַיין קִינְד וֶועקְט זִיךְ אוֹיף בַּיינַאכְט אוּן וֵויינְט – זָאלְסְטוּ מִיט וֵויינֶען מִיטְ׳ן קִינְד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. בְּרֶסְלֶבְ׳עֶ חֲסִידִים ווִילְן דָאךְ מְקַיֵים זַיין וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט, מֶען זָאל זָאגְן בַּיינַאכְט תִּיקוּן חֲצוֹת; וֶוען דִי קִינְדֶער וֶועקְן זִיךְ אוֹיף אִינְמִיטְן דִי נַאכְט, קֶען מֶען דֶעמָאלְט מִתְפַּלֵל זַיין פַאר זִיךְ אוּן פַאר דִי קִינְדֶער.

מוֹהֲרָא״שׁ פְלֶעגְט זָאגְן אַ סְגוּלָה פַאר בַּעֲלֵי בַּתִּים וֶוען זֵיי שְׁטֵייעֶן אִין גֶעשֶׁעפְט אוּן קֵיינֶער קוּמְט נִישְׁט אַרַיין אַיינְקוֹיפְן, אַז מֶען זָאל נֶעמֶען אַ סֵפֶר, אַ מִשְׁנָיוֹת וְכַדוֹמֶה אִין אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען – וֶועט דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם זִיכֶער מַאכְן עֶס זָאלְן קוּמֶען מֶענְטְשְׁן אַיינְקוֹיפְן, אַבִּי מֶען זָאל נִישְׁט לֶערְנֶען. דָאס זֶעלְבֶּע זָאג אִיךְ דִיר, אַז דַיין קִינְד וֶועקְט זִיךְ אוֹיף בַּיינַאכְט, עֶס וֵויינְט אוּן וִויל נִישְׁט צוּרִיקְגֵיין שְׁלָאפְן – זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן מִיט צוּ וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעטְן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן קַיין צָרוֹת; בֶּעט מָשִׁיחַ זָאל שׁוֹין קוּמֶען אוּן אוּנְז צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן – וֶועט דַיין קִינְד שְׁנֶעל אַיינְשְׁלָאפְן, אַבִּי דוּ זָאלְסְט שׁוֹין אוֹיךְ צוּרִיק גֵיין שְׁלָאפְן.

בְּנוֹגֵעַ קִישְׁן קִינְדֶער; דֶער רֶבִּי הָאט טַאקֶע גֶעזָאגְט: ״אַ קִינְד קִישְׁט מֶען נִישְׁט, אוּן אַ קִינְד שְׁלָאגְט מֶען נִישְׁט״; אָבֶער דָאס מֵיינְט מֶען נִישְׁט קְלֵיינֶע קִינְדֶער, דָאס מֵיינְט מֶען וֶוען דִי קִינְדֶער וַואקְסְן אוּנְטֶער, דֶעמָאלְט אִיז נִישְׁט כְּדַאי מֶען זָאל צֶערְטְלְן דִי קִינְדֶער; וַוייל וִוי מֶער מֶען אִיז צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם קִינְד אוּן מֶען צֶערְטְלְט אִים, שְׁלָאגְט מֶען דָאס קִינְד וֶוען עֶס אִיז לֶעבֶּעדִיג אוּן שְׁפְּרִינְגֶעדִיג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת שמיני תשפ״א)

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com

קוֹל בר־סלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876